בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת קודש פרשת כי תבוא, שנת תשפ"א לפרט קטן, אין וויליאמסבורג יע"א, ביים שיעור אין ספר 'פעולת הצדיק' און ביי 'סעודה שלישית'.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש ברסלב
בלומינג גראוו
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
718-387-2691

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169

גרפיקה עיצוב ועימוד: א.י.ש. אשדוד 05276-27127

# שבת קודש פרשת כי תבוא, שנת תשפ"א לפרט קטן, אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א ממשיך געווען דעם שיעור אין ספר הקדוש 'פעולת הצדיק'. סימנים תתיד, תתטו, תתטז.

שרייבט מוהרא"ש זכרונו לברכה:

## סִימָן תתיד

ח"י בִּשְׁבָט, שַׁבַּת פָּרָשַׁת יִתְרוֹ: עַל שַׁבָּת זוֹ בָּא אֶל רַבֵּנוּ זַ"ל הַמַּגִּיד מִטִּירְהָוִויצָא. וְאָז שָׁאַל אֶת רַבֵּנוּ זַ"ל קֻשְׁיָה, שֶׁקָּשֶׁה לוֹ זֶה יָמִים וְשָׁנִים, וּכְבָר שָׁאַל לְהַרְבֵּה צַדִּיקִים, וְאַף אֶחָד, לֹא הָיָה לוֹ מַה לְהָשִׁיב עַל קֻשְׁיָתוֹ שֶׁהִקְשָׁה. וְהוּא בַּאֲשֶׁר שֶׁהָאָבוֹת וּשְׁאָר הַצַּדִּיקִים הַקַּדְמוֹנִים בְּוַדַּאי חִבְּרוּ סְפָרִים הַרְבֵּה, וְהֵיכָן הֵם אֵלּוּ הַסְּפָרִים?

## אמונה אין די וועלט

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: זיכער האט אויך אברהם אבינו געשריבן אסאך קונטרסים אזוי ווי די קונטרסים 'עצתו אמונה', ארייינצוברענגען די הייליגע אמונה אין די וועלט.

וּכְשֶׁשָּׁמַע זֹאת רַבֵּנוּ זַ"ל, נִתְלַהֵב מְאֹד מְאֹד, וּפָנָיו בָּעֲרוּ כְּלַפִּידִים, וְהִתְדַּבֵּק עַצְמוֹ בְּמָקוֹם שֶׁהִתְדַּבֵּק, וְכָל הַנִּצָּבִים עָלָיו אָז נִבְהֲלוּ מְאֹד מְאֹד. וְהִתְחִיל רַבֵּנוּ זַ"ל לוֹמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "יֵשׁ צַדִּיקִים גְּנוּזִים, וְהֵם יוֹדְעִים פָּנִים בַּתּוֹרָה. אַךְ הֵם צְרִיכִים לְהַעֲלִים תּוֹרָתָם, וּכְמוֹ שֶׁמְּסַפְּרִין מַעֲשֶׂה מֵהַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב עִם הַדַּרְשָׁן: הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב הַקָּדוֹשׁ נָסַע פַּעַם אַחַת לָעִיר בְּרָאד וְנִתְאַכְסֵן אֵצֶל גְּבִיר אֶחָד, וְהָיוּ מְסֻבִּין שָׁם עַל הַשֻּׁלְחָן אֲנָשִׁים רַבִּים מְכֻבָּדִים לִכְבוֹדוֹ כַּנָּהוּג. וְהָיָה יוֹשֵׁב שָׁם לְמַטָּה אֵצֶל הַשֻּׁלְחָן בַּעַל דַּרְשָׁן אֶחָד, שֶׁזּוֹ הָיְתָה פַּרְנָסָתוֹ, שֶׁהָיָה נוֹסֵעַ מִמָּקוֹם לְמָקוֹם וְאוֹמֵר דְּרָשׁוֹת. וְהָיָה אוֹכֵל הַרְבֵּה, וְהִסְתַּכְּלוּ עָלָיו, שֶׁאוֹכֵל הַרְבֵּה מְאֹד. וְהִתְחִילוּ

לִתֵּן לוֹ וּלְהוֹשִׁיט לוֹ אֲכִילָה הַרְבֵּה בִּשְׁבִיל לֵיצָנוּת. וְהַבַּעַל דַּרְשָׁן עָשָׂה אֶת שֶׁלּוֹ שֶׁכָּל מַה שֶּׁנָּתְנוּ לְפָנָיו, אָכַל. וְאָכַל הַרְבֵּה מְאֹד כָּל מַה שֶּׁהוֹשִׁיטוּ לוֹ; כְּגוֹן דָּגִים, שֶׁהָיוּ אוֹכְלִים שְׁנֵי אֲנָשִׁים חֲתִיכָה אַחַת, וְהַבַּעַל דַּרְשָׁן בְּעַצְמוֹ אָכַל שְׁתֵּי חֲתִיכוֹת דָּגִים, וְכֵן רֹטֶב, שֶׁהָיָה אוֹכֵל בְּעַצְמוֹ קְעָרָה מְלֵאָה, וְכֵן בִּשְׁאָר הַמַּאֲכָלִים וָהֵם הוֹשִׁיטוּ לוֹ בְּכָל פַּעַם בִּשְׁבִיל לֵיצָנוּת, מֵחֲמַת שֶׁרָאוּ, שֶׁאוֹכֵל הַרְבֵּה מְאֹד. אַחַר־כָּךְ הִתְחִילוּ לְהִפְצִירוֹ, שֶׁיֹּאמַר לִפְנֵיהֶם תּוֹרָה. וְכַוָּנָתָם הָיְתָה גַּם־כֵּן בִּשְׁבִיל לֵיצָנוּת, שֶׁיֹּאמַר תּוֹרָה עַל הַשֻּׁלְחָן, שֶׁהַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב מֵסֵב שָׁם בָּרֹאשׁ. וְהוּא נָהַג בִּתְמִימוּתוֹ וְהִתְחִיל לוֹמַר לִפְנֵיהֶם תּוֹרָה, וְהִתְחִילוּ לִשְׂחֹק מִמֶּנּוּ בְּתוֹךְ פִּיסַּת יְדֵיהֶם, וְהָיָה בְּעֵינֵיהֶם כְּחוּכָא וּטְלוּלָא. וְהֵבִין הַבַּעַל דַּרְשָׁן, שֶׁהֵם מִתְלוֹצְצִים מִמֶּנּוּ, בִּשְׁבִיל שֶׁאוֹכֵל הַרְבֵּה. עָנָה הַדַּרְשָׁן וְאָמַר: "וְכִי אִם אֵין יְכוֹלִים לוֹמַר תּוֹרָה, אָסוּר לֶאֱכֹל חֲתִיכַת דָּג?" אַחַר־כָּךְ הִסְתַּכֵּל הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב הַקָּדוֹשׁ וְרָאָה אֶת כָּל הָעִנְיָן וְהִקְפִּיד וְכָעַס עֲלֵיהֶם וְשָׁמַע תּוֹרָתוֹ שֶׁל הַבַּעַל דַּרְשָׁן. וְאָמַר הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב הַקָּדוֹשׁ, שֶׁזֶּה הַבַּעַל דַּרְשָׁן אוֹמֵר תּוֹרָה מִפִּי אֵלִיָּהוּ ז"ל. [וְסִיֵּם רַבֵּנוּ ז"ל אֶת הַסִּפּוּר בְּחִיּוּךְ, שֶׁזֶּה נִרְאָה לוֹ מְאֹד מַה שֶּׁאָמַר הַבַּעַל דַּרְשָׁן, וְכִי אִם אֵינָם יְכוֹלִים לוֹמַר תּוֹרָה, אָסוּר לֶאֱכֹל חֲתִיכַת דָּג]. וְהִמְשִׁיךְ רַבֵּנוּ ז"ל וְאָמַר: "אֶצְלוֹ יֵשׁ לִפְעָמִים, שֶׁיּוֹדֵעַ תּוֹרָה, שֶׁיֵּשׁ לָהּ פָּנִים וְכוּ'". וְאָמַר אָז כָּל הַתּוֹרָה [בְּלִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן לב]. וְשָׁם מְבֹאָר תֵּרוּץ וּבֵאוּר הֵיטֵב עַל קֻשְׁיַת הַמַּגִּיד מִטִּירָהְוִויצֶא בָּאֵר הֵיטֵב וְכֵן מְרֻמָּז בְּהַתּוֹרָה לָמָּה דַּיְיקָא הַמַּגִּיד, הָיְתָה קָשָׁה לוֹ קֻשְׁיָא זוֹ וְכוּ' (כִּי רַבֵּנוּ ז"ל הִתְכַּוֵּן בַּתּוֹרָה זוֹ גַּם לְהַנְהָגַת הַמַּגִּיד מִטִּירְהָאוִויצֶא, אֵיךְ שֶׁמִּתְנַהֵג בְּבֵיתוֹ וְכוּ', מַה שֶּׁדָּבָר זֶה נֶעֱלָם מֵעֵין כָּל חַי וְגָלוּי רַק לִפְנֵי הַיּוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת, הַיְנוּ מַה שֶּׁכָּתוּב שָׁם, שֶׁיֵּשׁ יִחוּדָא תַּתָּאָה, שֶׁבָּזֶה הָעוֹלָם, שֶׁהוּא בְּכַשְׁרוּת גְּדוֹלָה בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה כָּל־כָּךְ, עַד שֶׁבּוֹ תָּלוּי יִחוּדָא עִלָּאָה וְכוּ' - זֶה סוֹבֵב עַל הַמַּגִּיד מִטִּירְהָאוִויצֶא בְּעַצְמוֹ, שֶׁרַבֵּנוּ ז"ל רָמַז לוֹ הִתְנַהֲגוּתוֹ בְּבֵיתוֹ וְכוּ'. וְיֵשׁ בָּזֶה עוֹד סִפּוּר אָרֹךְ, אַךְ מֵחֲמַת כְּבוֹד ה' הַסְתֵּר דָּבָר, אִי־אֶפְשָׁר לְהַעְתִּיקוֹ עַל־פְּנֵי הַכְּתָב).

הָגָה (אות ר): כִּי בֶּאֱמֶת אֲכִילַת הַצַּדִּיק הִיא גַּם כֵּן תּוֹרָה. וּבְכָל לְעִיסָה וּלְעִיסָה הוּא מְיַחֵד יִחוּדִים קְדוֹשִׁים נוֹרָאִים וְנִפְלָאִים וְנִכְלָל לְגַמְרֵי בּוֹ יִתְבָּרַךְ. וּמֵאַחַר שֶׁכְּמוֹ שֶׁתּוֹרָתוֹ גְּנוּזָה, וְאֵין לְשׁוּם בְּרִיָּה הַשָּׂגָה בָּהּ - כְּמוֹ כֵּן בַּאֲכִילָתוֹ שֶׁאוֹכֵל בִּפְשִׁיטוּת בִּדְבֵקוּת וּבְיִחוּדִים כָּאֵלּוּ אֲשֶׁר אֵין לְשַׁעֵר, עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה שֶׁאֵין לְשׁוּם בְּרִיָּה הַשָּׂגָה בָּזֶה, כִּי גַּם אֲכִילָתוֹ הָיְתָה כְּלוּלָה מִתּוֹרָה, וְרַק הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ הִרְגִּישׁ זֹאת.

## הייבט ער זיך אן שפירן היימיש...

דא זעט מען וואס א צדיק איז, ווי מען האט גארנישט קיין השגה אין אים, עס זעט אויס ווי דער צדיק איז די זעלבע ווי אלע, ער עסט אזוי ווי יעדן און פירט זיך אויף אזוי ווי יעדן, אבער באמת איז דאס איין שטיק ׳דביקות׳ און איז דערביי מייחד יחודים וואס מיר האבן נישט קיין השגה דערין.

ווען א מענטש איז זוכה מקורב ווערן צום רבי׳ן, און עס גייט אריבער א שטיק צייט און ער הייבט אן לערנען און דאווענען, קען פאסירט אז דער מענטש זאל אנהייבן זיך שפירן היימיש... ער מיינט אז ער האט שוין אן השגה אינעם צדיק, דארף מען אבער וויסן אז מיר האבן גארנישט קיין השגה אינעם רבי׳ן, דער צדיק איז העכער פון אלעס, דאס דארף מען האלטן אין איין חזר׳ן אז מען זאל געדענקן אז מיר זענען נישט משיג דעם צדיק.

## סִימָן תתטו

אַחַר־כָּךְ נָסַע הַמַּגִּיד מִטִירְהָאוִויצֶא לְבֵיתוֹ. וּבַדֶּרֶךְ עָמַד בְּבֵית חֲתָנוֹ רֶבִּי יִצְחָק, (שֶׁגַּם־כֵּן זָכָה לְהִתְקָרֵב אֶל רַבֵּנוּ ז״ל, כַּנַּ״ל בְּסִימָן ש״ס). וְשָׁאַל אוֹתוֹ חֲתָנוֹ עַל שְׁלוֹם חֲמוֹתוֹ וּבָנָיו. וְהֵשִׁיב לוֹ חוֹתְנוֹ, הַמַּגִּיד מִטִירְהָאוִויצֶא: ״עַד שֶׁאַתָּה שׁוֹאֲלֵנִי עַל שְׁלוֹמָם, שְׁאַל אוֹתִי, מֵהֵיכָן אֲנִי בָּא? כִּי אֲנִי בָּא מִבְּרֶסְלֶב מֵרַבֵּנוּ ז״ל, שֶׁהָיִיתִי אֶצְלוֹ עַל שַׁבַּת־קוֹדֶשׁ. וְשָׁאַלְתִּי אוֹתוֹ שְׁאֵלָה,

שֶׁכְּבָר שָׁאַלְתִּי לְכַמָּה צַדִּיקִים, וְלֹא הֵשִׁיבוּ לִי תְּשׁוּבָה נְכוֹנָה. וְהוּא הֵשִׁיב לִי תְּשׁוּבָה נִפְלָאָה וְאָמַר לִי תּוֹרָה כָּזוֹ, אֲשֶׁר בִּשְׁעַת אֲמִירַת תּוֹרָתוֹ רָאִיתִי וְהִרְגַּשְׁתִּי, אֵיךְ נִיצוֹצֵי אוֹר יוֹצְאִים מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ. וְנִדְמֶה הָיָה לִי, שֶׁאֵשׁ כָּזוֹ רוּחָנִית, אֱלֹקוּת כָּזוֹ אִי־אֶפְשָׁר לְהַעֲלוֹת עַל הַכְּתָב. וּמַה נִּפְלָא בְּעֵינַי, כִּי לְמָחָר בָּא הָאַבְרֵךְ רֶבִּי נָתָן וְהֵבִיא אֶת הַתּוֹרָה הַזּוֹ כְּתוּבָה עַל הַנְּיָר וּבְדְיוֹ".

## א וואונדערליכער חידוש

רבי נתן איז געווען א וואונדערליכער חידוש אז ער האט געקענט נעמען דעם רבי'נס הייליגע דיבורים וואס זענען געווען שטיקער פייער, און עס אראפגעשריבן אויף א וועג אז מיר זאלן דאס אויך קענען פארשטיין.

## סִימָן תתטז

קֹדֶם פּוּרִים: סִפֵּר רַבֵּנוּ ז"ל הַמַּעֲשֶׂה מֵהֶחָכָם וְהַתָּם [סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט']. וְהוּא סִפּוּר נוֹרָא וְנִפְלָא עַד מְאֹד, אֵיךְ שֶׁעַל־יְדֵי חָכְמוֹת נוֹפְלִים לִבְאֵר שַׁחַת וְחַיִּים כָּל יְמֵי חַיָּיו בִּמְרִירוּת עֲצוּמָה, וְאֵיךְ שֶׁעַל־יְדֵי מִדַּת הַתְּמִימוּת יְכוֹלִים לְהִתְעַלּוֹת בְּתַכְלִית הָעֲלִיָּה וְלִחְיוֹת כָּל הַחַיִּים בְּחַיִּים נְעִימִים וַעֲרֵבִים עַד מְאֹד.

## א זיסע געשמאקע לעבן

די מעשה איז אז צוויי חברים האבן געלערנט אין איין חדר, איינער איז געווען א חכם און איינער א תם, דער חכם האט יעדע זאך איבער געטראכט מיט זיין פיליזאפיע, און דער תם האט זיך געפירט בתמימות ופשיטות. אז מען פירט זיך אזוי ווי דעם תם, בתמימות ופשיטות, דאן איז מען זוכה צו האבן א גליקליך לעבן, ווייל מען קען נישט דינען דעם אייבערשטן נאר מיט תמימות.

## דער אייבערשטער רופט

אזוי ווי עס איז געווען די מעשה ווען מען איז געקומען צום תם זאגן אז דער קעניג רופט אים, איז ער גלייך געלאפן צום קעניג, אבער ווען מען איז דאס געקומען זאגן פאר׳ן חכם האט ער אנגעהויבן ארייננצוקלערן מיט זיין פיליזאפיע: ׳ווי אזוי קען זיין דער גרויסער קעניג זאל שיקן רופן נאך אזא קליינער מענטש ווי איך?׳ דאס גייט ארויף אויפ׳ן מענטש מיט׳ן אייבערשטן, אז דער מענטש פירט זיך מיט תמימות, דאן ווען ער הערט אז דער אייבערשטער רופט אים, נעמט ער עס גלייך אן, ער נעמט א תהלים און זאגט א ׳קאפיטל תהלים׳, און ער הייבט זיך אן מתבודד זיין מיט׳ן אייבערשטן, אבער אויב הייבט ער אן מיט חכמות, דאן וועט ער גארנישט טון, ער וועט טראכטן מיט זיין פיליזאפיע: ׳ווי אזוי קען זיין דער גרויסער קעניג זאל שיקן רופן נאך אזא קליינער מענטש ווי איך?׳

## חכמות טרייבן אין שאול תחתית

דורך די מדה פון ׳תמימות׳ קען מען אנקומען צו די שענסטע זאכן, לעבן א זיסע געשמאקע לעבן אויף דער וועלט, ווידער אז מען גייט מיט חכמה קומט מען אין ערגעץ נישט אן. דער רבי האט געזאגט פאר רבי ראובן יוסל, א זון פון רבי ישראל שוחט, ווען ער האט געפירט א דין תורה און דער רבי האט געזען ווי ער זוכט אלע סארט חכמות: ״דָאס אִיז דַיין טַאטְנְ׳ס חָכְמוֹת, דַיין טַאטְנְ׳ס חָכְמוֹת טְרַייבְּן אִים אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית״, כידוע איז ער ארום געלאפן אין אלע שטעטלעך צו אלע רבנים מיט חומרות אויף חומרות, האט דער רבי אלץ חוזק געמאכט פון זיינע חומרות (פעולת הצדיק סימן תרע, בהגה).

## עס ווענדט זיך ווי אזוי מען פארט

מיר זענען שוין זייער פרייליך אז מיר גרייטן זיך שוין צו פארן צום

הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען פועל'ן אלעס גוטס. דארף מען אבער וויסן, ווי א שטערקערע אמונה מען האט - אלץ זעט מען מער ישועות; אוודאי, יעדער וואס פארט צום רבי'ן איז זוכה צום תיקון וואס דער רבי האט צוגעזאגט, אבער צו קענען זען מופתים ווענדט זיך אין די אמונה. עס קען זיין צוויי חברים,ביידע פארן אויף די זעלבע פליגער און זיצן אויף די זעלבע באנק, און איינער קומט אהיים מיט ישועות, און דער צווייטער זעט נישט זאכן זאלן זיך טוישן צום גוטן, וואס איז דער חילוק? נאר עס ווענדט זיך ווי אזוי מען איז געפארן, אז מען פארט מיט א שטארקע אמונה, פאר מען פארט זעצט מען זיך אראפ מיט די ווייב און מען מאכט א ליסטע וואס מען גייט דארט בעטן ביים רבי'ן, צום ביישפיל, דער קינד רעדט אביסל חוצפה'דיג, דער קינד מאכט איין ביינאכט אינמיטן שלאפן, דער קינד גייט אביסל קרום, דער קינד רופט מען פון חדר מיט פראבלעמען וכו'; אויך שרייבט מען וואס מען דארף, צום ביישפיל, מען דארף א נייע סוכה, א נייע שלאק, נייע בענקלעך, א נייע קאוטש, א נייע קאך, מען דארף איבער פעינטן די הויז וכו' וכו', און מען פארט מיט א אמונה אז מען גייט דאס אלעס פועל'ן ביים רבי'ן, דאן קומט מען טאקע אהיים מיט די ישועות, צוביסלעך ווערט מען זען ווי אלעס גייט צום בעסערונג.

אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קפו): פארוואס זעט מען ביי די מענטשן פון מדינת קיר"ה (אונגארן) אז זיי זעען שטענדיג מופתים פון צדיקים, ווייל זיי האבן א שטארקע אמונה אין די צדיקים; און דער רבי זאגט: "כִּי בֶּאֱמֶת הַצַּדִּיק בְּוַדַּאי מָלֵא מ וֹפְתִים", ביים צדיק איז דא נאר מופתים, ווען מען גלייבט אין זיינע ווערטער און מען לייגט צו קאפ צו יעדעסווארט וואס דער צדיק זאגט דעמאלט זעט מען נאכדעם גרויסע מופתים.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן ווען מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

# שבת קודש פרשת כי תבוא, שנת תשפ"א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט ספר הקדוש ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימנים ריא און ער.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעויבן:

דער הייליגער רבי זאגט, אין סימן ריא: "מַה שֶּׁהָעוֹלָם נוֹסְעִין עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים", דאס וואס די וועלט פארט אויף ראש השנה צו צדיקים, "כִּי עִקַּר הַמְתָּקַת הַדִּינִין אֵינוֹ אֶלָּא עַל יְדֵי קְדֻשַּׁת וְטָהֳרַת הַמַּחֲשָׁבוֹת, כִּי שָׁם שָׁרְשָׁם. (כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב) (כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר): כֻּלָּא בְּמַחֲשָׁבָה אִתְבְּרִרוּ (עַיֵּין זֹהַר פְּקוּדֵי רנד:)", איז ווייל מיט דעם וואס מען האט א ריינעם מח איז מען ממתיק אלע דינים. "וְאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לְמֹחִין זַכִּים אֶלָּא עַל־יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים, (כַּמּוּבָא) (כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב) בְּזֹהַר: "וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף", מֹשֶׁה הוּא בְּחִינַת מֹחִין, וְיוֹסֵף הוּא בְּחִינַת צַדִּיק, הַיְנוּ שֶׁאֵין שְׁלֵמוּת לְמֹחִין אֶלָּא עַל־יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים", און מען קען נישט זוכה זיין צו ריינע מחשבות, צו א קלארע מח, נאר דורכ'ן זיין מקושר צו צדיקים. "וְרֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא מְקוֹר הַדִּינִים שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה, וְצָרִיךְ לְטַהֵר אֶת מַחֲשַׁבְתּוֹ כְּדֵי לְהַמְתִּיקָם, וּבִשְׁבִיל זֶה נוֹסְעִין לְצַדִּיקִים, כְּדֵי לִזְכּוֹת לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה", דעריבער פארט מען אויף ראש השנה צו צדיקים, ווייל ראש השנה שרייבט מען דאך אפ אלע דינים פאר'ן גאנצן יאר, און אז מען איז ראש השנה ביי א צדיק, באקומט מען א ריינע מחשבה, און אזוי איז מען ממתיק די דינים פאר'ן גאנצן יאר.

## אלע מניעות זענען נאר אין מח

ווייל עס איז אזוי גרויס דאס זיין ביים רבי'ן אום ראש השנה, גייט יעדער איינער - וואס וויל קומען צום רבי'ן - אריבער שווערע מניעות, דער עיקר דארף מען אבער וויסן אז אלע מניעות זענען נאר אין מח, דער

מענטש טראכט אז פאר אים איז נישט מעגליך אנצוקומען צום רבי׳ן, אבער ווען מען שטארקט זיך דערויף זעט מען ווי עס איז גארנישט דא קיין מניעות, נאר עס האט אויסגעקוקט ווי מען קען נישט פארן.

די ערשטע יאר וואס איך בין מקורב געווארן צום רבי׳ן האב איך געוואלט פארן צום רבי׳ן אבער ביי מיר אין מח האב איך געזען אז "איך קען נישט פארן קיין אומאן", איך האב געדאווענט פאר׳ן עמוד אום ראש השנה ביי מיין זיידע זכר צדיק לברכה, איך האב אויפגעשפארט און צוגעשפארט די מקוה, געשניטן די קעיק, געטיילט די קעיק, וכו׳ וכו׳ - ווי קען איך אוועק פארן אויף ראש השנה?! דעם קומענדיגן יאר האב איך זיך געמאכט א חשבון ׳וואס האט דאס מיט מיר, צוליב דעם זאל איך נישט זיין ביים רבין אין אומאן?!׳ און איך בין געפארן צום רבי׳ן.

אזוי איז עס מיט יעדן איינעם, די מניעות מאכן אויסזען פארן מענטש ווי עס איז אים אוממעגליך צו פארן צום רבי׳ן, אבער דאס קוקט נאר אזוי אויס פאר׳ן מח, און מען דארף זיך שטארקן און פאלגן וואס דער רבי הייסט און קומען צו אים אויף ראש השנה.

## מניעות פונעם אייגענעם מח

אלע מניעות וואס מען האט פון טאטע מאמע, פון די ווייב וכדומה, - זענען נאך גרינגע מניעות, די שווערסטע מניעה איז פונעם אייגענעם מח, דער מענטש הייבט אן טראכטן וואס דארף איך דעם צדיק, ער הייבט אן האבן קשיות אויפ׳ן צדיק (ליקוטי מוהר״ן חלק ב, סימן מו), דערפאר דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן פאר זיך אליינס, דער געפיל ביים רבי׳ן זאל בלייבן שטארק, קיינער איז נישט פארזיכערט, דער יצר הרע פארלייגט זיך זייער אוועק צו שלעפן מענטשן פון הייליגן רבי׳ן.

# נישט אויפגעבן

אפילו די וואס עס זעט זיי נישט אויס אז זיי וועלן קענען קומען צום רבי׳ן זאלן נישט אויפגעבן זייער האפענונג, נאר ווייטער בעטן דעם אייבערשטן, תפילה איז זייער שטארק, די לעצטע מינוט קען נאך געשען ניסים אז מען זאל יא זוכה זיין אנקצוקומען צום הייליגן רבי׳ן.

אזוי ווי מען שטייט יעצט פאר א׳ סליחות, מיר גייען באלד זאגן סליחות, וועלן מיר לערנען נאך א שטיקל פון רבי׳ן.

דער הייליגער רבי זאגט, אין סימן ער: ״כְּמוֹ שֶׁיֵּשׁ הִתְעוֹרְרוּת מֵאָדָם לַחֲבֵרוֹ״, אזוי ווי עס איז דא אן התעוררות פון איין מענטש צו זיין חבר, ״כְּגוֹן כְּשֶׁרוֹאִין שֶׁאֶחָד אוֹמֵר בַּקָּשׁוֹת וּסְלִיחוֹת בְּהִתְעוֹרְרוּת בְּלֵב נִשְׁבָּר, אֲזַי חֲבֵרוֹ מִתְעוֹרֵר מִמֶּנּוּ גַּם כֵּן, כִּי מִתְעוֹרֵר מֵחֲבֵרוֹ וּמַתְחִיל לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ, וְנִתְעוֹרֵר גַּם כֵּן, וּמַתְחִיל לוֹמַר גַּם־כֵּן בַּקָּשׁוֹת בְּהִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב״, צום ביישפיל, א מענטש זעט ווי איינער דאווענט אדער זאגט סליחות מיט התעוררות, מיט א לב נשבר, ווערט ער דערפון אויך נתעורר, און הייבט אויך אן דאווענען מיט התעוררות. ״כְּמוֹ כֵן יֵשׁ אֵצֶל הָאָדָם עַצְמוֹ הִתְעוֹרְרוּת מִנֵּהּ וּבֵהּ, שֶׁמִּתְעוֹרֵר מִתּוֹךְ דִּבְרֵי עַצְמוֹ״, די זעלבע זאך איז אויך דא אז א מענטש ווערט נתעורר פון זיך אליינס, פון זיינע אייגענע ווערטער, ״דְּהַיְנוּ שֶׁאוֹמֵר בַּקָּשׁוֹת וּתְחִנּוֹת בְּהִתְעוֹרְרוּת וְצוֹעֵק: וַי לִי, וּבְתוֹךְ כָּךְ נִתְעוֹרֵר מִזֶּה וּמַתְחִיל לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ: הֵיכָן אֲנִי, וּמִי צוֹעֵק כָּךְ, הֲלֹא וַי לִי, לִי מַמָּשׁ, וּמַתְחִיל שֵׁנִית לִצְעֹק וַי לִי, לִי דַּיְקָא״, דהיינו, ער הייבט אן דאווענען מיט א געמאכטע התעוררות, צום ביישפיל, ער שרייט: ״וַי לִי״, און דאס איז אים מעורר עס איבערצוזאגן מיט א אמת׳ע התעוררות. ״וְאַף שֶׁבַּתְּחִלָּה נִדְמֶה לוֹ כְּאִלּוּ גַּם־כֵּן אוֹמֵר בֶּאֱמֶת כָּרָאוּי, עִם כָּל זֶה אַחַר־כָּךְ רוֹאִין הַהֶפְרֵשׁ בֵּין קֹדֶם לְאַחַר כָּךְ, וְהָבֵן״, אפילו די ערשטע מאל האט אים אויסגעקוקט ווי ער מיינט עס שוין מיט אן אמת, אבער נאכדעם זעט ער ווי ערשט יעצט מיינט ער עס אמת׳דיג.

## נאכמאכן אנדערע

עס איז נישט שייך א מענטש זאל פרובירן נאכמאכן אנדערע, יעדע מענטש איז אנדערש, צום ביישפיל, איינער קען זיין לענגער בים ציון און א צווייטער קען נישט זיין אזוי לאנג ביים ציון, ער האט נישט אזויפיל כח; איינער קען א גאנצן צייט שטיין ביים ציון, א צווייטער דארף זיצן, ער האט נישט קיין כח צו שטיין אזוי לאנג אויף די פיס וכדומה, דערפאר זאל א מענטש נישט ווערן מבלבול פון אנדערע נאר פרובירן צו טון וואס ער קען.

## עס ווענדט זיך ווי אזוי מען פארט

אז מען פארט צום רבי'ן דארף מען וויסן, ווי א שטערקערע אמונה מען האט - אלץ זעט מען מער ישועות; אוודאי, יעדער וואס פארט צום רבי'ן איז זוכה צום תיקון וואס דער רבי האט צוגעזאגט, אבער צו קענען זען מופתים ווענדט זיך אין די אמונה. עס קען זיין צוויי חברים,ביידע פארן אויף די זעלבע פליגער, אויף די זעלבע באנק, און ביידע קומען צוריק אהיים מיט די זעלבע פליגער, איינער קומט אהיים מיט ישועות, און דער צווייטער זעט נישט זאכן זאלן זיך טוישן צום גוטן, וואס איז דער חילוק? נאר עס ווענדט זיך ווי אזוי מען איז געפארן, אז מען פארט מיט א שטארקע אמונה, פאר מען פארט זעצט מען זיך אראפ מיט די ווייב און מען מאכט א ליסטע וואס מען גייט דארט בעטן ביים רבי'ן, צום ביישפיל, דער קינד רעדט אביסל חוצפה'דיג, דער קינד מאכט איין ביינאכט אינמיטן שלאפן, דער קינד גייט אביסל קרום, דער קינד רופט מען פון חדר מיט פראבלעמען וכו'; אויך שרייבט מען וואס מען דארף, צום ביישפיל, מען דארף פרנסה, א נייע סוכה, א נייע שלאק, נייע בענקלעך, א נייע קאוטש, א נייע קאך, מען דארף איבער פעינטן די הויז, איבער סקרעיפן וכו' וכו', און מען פארט מיט א אמונה אז מען גייט דאס אלעס פועל'ן ביים רבי'ן, דאן קומט מען טאקע אהיים מיט די ישועות,

צוביסלעך וועט מען זען ווי אלעס גייט צום בעסערונג.

אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קפו): פארוואס זעט מען ביי די מענטשן פון מדינת קיר"ה (אונגארן) אז זיי זעען שטענדיג מופתים פון צדיקים, ווייל זיי האבן א שטארקע אמונה אין די צדיקים; און דער רבי זאגט: "כִּי בֶּאֱמֶת הַצַּדִּיק בְּוַדַּאי מָלֵא מ וֹפְתִים", ביים צדיק איז דא נאר מופתים, ווען מען גלייבט אין זיינע ווערטער און מען לייגט צו קאפ צו יעדעסווארט וואס דער צדיק זאגט דעמאלט זעט מען נאכדעם גרויסע מופתים.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אויסבעטן א גוט געבענטשט יאר, אמן.